**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט 63.6 מיליאן דאלאר אין געלטער צו שטיצן קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען ביי ניו יארקר'ס פריוואטע, נישט פאר פראפיט קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן**

***גרענטס וועלן שטיצן עדיוקעישאן פראגראמען דורכן מאדערניזירן פאסיליטיס און פארבעסערונג סטודענט ערפארונג בשעת'ן סטימולירן עקאנאמישע אנטוויקלונג***

***זעט אלע קאנקורירנדע רונדע 5 באשטעטיגטע פראיעקטן [דא]()***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן $63.6 מיליאן אין קאפיטאל טיילונגען ביי 30 קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן דורכאויס ניו יאָרק סטעיט דורך די העכערע עדיוקעישאן קאפיטאל מעטשינג גרענט פראגראם. די HECap שענקונגען שטיצן פראיעקטן וואס שטעלן צו אויפבוי פון נייע לאבראטאריע און פארשונג פלעצער, עדיוקעישאנעל פאסילטיס ווי אויך די איינקויף פון נייע לערנען טעכנאלאגיעס און עקוויפמענט.

"ניו יארק'ס קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן זענען די בעסטע וואס פארהאן, און א דאנק איבער 60 מיליאן דאלער אין סטעיט קאפיטאל געלטער, מאכן מיר טראנספארמירנדע איבערארבעטונג ביי די העכסטע שולעס דורכאויס די סטעיט כדי זיי זאלן קענען ווייטער שטייגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.**"פון די איינקויף פון פארגעשריטענע עקוויפמענט צו איבערמאכן ביבליאטעקן און סטודענט צענטערן, וועלן די אינוועסטירונגען נעמען אונזערע אינסטיטוציעס ארויף א שטאפל און פארזיכערן אז סטודענטן וואס גייען פאר העכערע בילדונג אין ניו יארק סטעיט האבן צוטריט צו די בעסטע ריסאורסעס און פאסיליטיס."

אונטער די גאווערנאר'ס פירערשאפט, האט די העכערע עדיוקעישאן קאפיטאל מעטשינג גרענט פראגראם ערמעגליכט קאמפוסעס דורכאויס די סטעיט צו מאכן קריטישע אינוועסטירונגען אין זייער אינפראסטרוקטור און עקוויפמענט בשעת'ן שאפן קאנסטראקשאן דזשאבס. קאמפוסעס וואס באקומען גרענטס ווערן פארלאנגט צו אינוועסטירן אמווייניגסטנס $3 פון זייערע אייגענע געלטער פאר יעדע $1 פון סטעיט געלטער וואס זיי באקומען.

ווען צוזאמגעשטעלט מיט די קאלעדזש'ס מעטשינג פאנדס אין די פראיעקטן, וועט איבער 250 מיליאן דאלער ווערן אינוועסטירט אין ניו יארק'ס העכערע בילדונג קאמיוניטיס.
אויסדערוועלטע שענקונג סומעס נעמען אריין:

- פארדהעם אוניווערסיטעט - איבערבוי פון די מקשעין צענטער, 5 מיליאן דאלער
- מאלוי אוניווערסיטעט (ראקוויל צענטער) - אויפבוי פון געביידע פאר העלטקעיר ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט, 5 מיליאן דאלער

- סט. דזשאן פישער אוניווערסיטעט (ראטשעסטער) - לייברערי איבערבוי צו שאפן סטודענט צענטער פאר ערפאלג, 5 מיליאן דאלער
- קאניסוס אוניווערסיטעט פון באפעלא - שאפן אלייד העלט לאבאראטאריעס און פאסיליטיס, 1.4 מיליאן דאלער
- סיענא קאלעדזש (לודאנוויל) - סייענס קאמפלעקס עקוויפמענט איינקויף, $750,000

די געלטער זענען געשאנקען געווארן ביי די סעפטעמבער 27 זיצונג פון די HECap באורד און זענען געשאנקען געווארן באזירט אויף א קאנקורירנדע אפליקאציע פראצעדור. דער דריי-מיטגליד HECap באורד נעמט אריין איין מיטגליד אויסגעוועלט דורך די ספיקער פונעם אסעמבלי, איין מיטגליד אויסגעוועלט דורך דער צייטווייליגער פרעזידענט פון די סענאט, און א דריטער מיטגליד אויסגעוועלט דורך דער גאווערנער. DASNY פירט זיך ווי שטאב צום HECap באורד און טיילט דעם פראגראם. א פולע ליסטע פון געשאנקענע געלטער איז צו באקומען אויף די DASNY וועבזייטל.

א פארלאנג פאר גרענט אפליקאציעס פאר די קומענדיגע קאנקורירנדע רונדער איז אויך באשטעטיגט געווארן ביים HECap באורד זיצונג. זייט HECap'ס גרינדונג אין 2005, האט ניו יארק סטעיט געשאנקען 336.3 מיליאן דאלער אין געלטער פאר 274 פראיעקטן ביי קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן דורכאויס ניו יאָרק סטעיט.

**סטעיט סענאטאר טאבי ען סטאווויסקי האט געזאגט,** "די העכערע בילדונג קאפיטאל מעטשינג גרענט פראגראם איז אן אויסגעצייכנטער ביישפיל פון א פובליק-פריוואטע פארטנערשיפ וואס ארבעט פאר אלע ניו יארקער. די HECap פראגראם העלפט קאמפוסעס דורכאויס די סטעיט מאכן קריטישע אינוועסטירונגען אין זייער אינפראסטרוקטור און עקוויפמענט, האלטנדיג ניו יארק'ס אומאפהענגיגע קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן קאנקורירנד אויף א נאציאנאלע און וועלטליכע שטאפל."

**אסעמבלי מיטגליד פאטרישע פעי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פריוואטע קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן זענען גאר וויכטיג פאר אונזער סטעיט עקאנאמיע און בילדן איבער 500,000 סטודענטן יעדעס יאר. פארזיכערן אז די אינסטיטוציעס קענען אנהאלטן און צוציען סטודענטן, פאקולטי, און שטאב מיט קריטישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור איז א שליסל צו אנהאלטן איינשרייבונג און פאראויסשטופן א העכסט-ראנקיגע עדיוקעישאן. אלס פארזיצער פון העכערע עדיוקעישן קאמיטעט אינעם אסעמבלי, בין איך געטריי צו ארבעטן מיט מיין סענאט קאונטערפארט טאבי ען סטאווויסקי, גאווערנער האקול, און אונזערע פריוואטע קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן צו דעליווערן די ריסאורסעס וואס זיי דארפן כדי צו ווייטער בליען."

**קאמישען אויף אומאפהענגיגע קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן פראגראם לאלא בראבהאם האט געזאגט,** "א דאנק אייך גאווערנער האקול, HECap באורד פארזיצער סמיגלער, און די סטעיט לעגיסלאטור פארן שטיצן די וויכטיגע פראגראם. HECap גרענטס זענען אן אינוועסטירונג אין אינפראסטרוקטור און העכערע בילדונג וואס שטעלט צו סיי באלדיגע און לאנג-טערמיניגע רווחים פאר אלע ניו יארקער. HECap סטימולירט עקאנאמישע וואוקס אין קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט, בשעת'ן פארזיכערן אז ניו יארק פארבלייבט א גלאבאלע פירער אין העכערע עדיוקעישאן און ערפינדונג."

מער אינפארמאציע איבער דעם HECAP פראגראם קען געפונען ווערן דא. קליקט דא פאר א פולע ליסטע פון גרענטס שענקונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן